**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/26/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטעלט ארויס ניו יארק סטעיט פייערלעשער מאנשאפט צו העלפן באקעמפן ווילדלענד פייערס אין מינעסאטע

***DEC נעמט אויף צוריק אהיים וואלד רעינדזשער פון דיקסי פייער אין קאליפארניע, דריטע רעינדזשער ארויסגעשיקט צו באקעמפען ווילדלענד פייערס אין 2021***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א מאנשאפט פון 20 ווילדלענד פייערלעשער פון דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען ( Department of Environmental Conservation, DEC) פארט קיין מינעסאטע, וואו זיין וועלן דירעקטירט ווערן ארויסצוהעלפן פייערלעשער באמיאונגען אונטערוועגנס אין גרינוואוד. גאווערנער האקול האט אויך אויפגענומען צוריק אהיים DEC וואלד רעינדזשער ראבי מיקוס ביים ענדע פון א צוויי-וואכיגע מיסיע צו באקעמפן דער דיקסי פייער אין קאליפארניע. פריער דעם וואך האט DEC וואלד רעינדזשער מייקל בורקהאלדער [זיך אומגעקערט](#) פון קעמפן דעם אלדער קריעק און טרעיל קריק פייערס אין מאנטענע. אין יולי האט DEC וואלד רעינדזשער טימאטי קארפענטער [זיך אומגעקערט](#) אהיים נאכ'ן העלפן קעמפן דער בוטלעג פייער אין ארעגאן.

"טויזנטע מענטשן פארלירן זייערע היימען און ביזנעסער צו שוידערליכע און רעקארד-ברעכנדע ווילדפייערס, און איך בין דאנקבאר אז מיר קענען באטן הילף פאר די באדערפטיגע, אזוי ווי די אומצאליגע פעלער וואו אונזערע שוועסטער סטעיטס האבן אונז געהאלפן ווען דיזעסטער קלאפט אן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט נעם איך אויף צוריק רעינדזשער מיקוס און דאנק איר פאר איר סערוויס אין קעמפן פייערס אין קאליפארניע. איך שטאלציר מיך מיט איר און אלע דרייסטע פייערלעשער וועלכע וואלונטירן צו רייזן צו די פראנט ליניעס פון די ווילדלענד פייערס צו באשיצן קאמיוניטיס פון שעדליכקייט און איך שליס מיך אן מיט אלע ניו יארקערס פאר זייער זיכערער אומקער."

אלע איינגעשטעלטע און רייזע אויסגאבן פאר די ניו יארק מאנשאפטן ווערן באצאלט אדער דירעקט דורך דער יו-עס וואלד סערוויס אדער צוריקגעצאלט צו ניו יארק סטעיט באזירט אויף א פאראייניגטע הילף אפמאך צווישן סטעיטס און פעדעראלע לאנד אגענטורן.

רעינדזשער מיקוס, פון עסעקס קאונטי, האט אנגעהויבן אום אוגוסט 12, ווען זי האט זיך אנגעשלאסן מיט טויזנטע אנדערע פון פעדעראלע, סטעיט, און ארטיגע פייער מאנשאפטן וועלכע באקעמפן דעם דיקסי פייער אין קאליפארניע. רעינדזשער מיקוס איז סערטיפייד אלס א נעשענעל ווילדפייער קאארדינירונג גרופע (NWCG) פלאנירט סעקשען טשיף 2, טרעני. אין דער יו-עס האבן נאר עטליכע ווילדלענד פייערלעשער דערגרייכט דעם עקספערט שטאפל פון סערטיפיקעישען.

דער דיקסי פייער האט זיך אנגעהויבן אום יולי 13 און פארברענט דער 'פלומעס נעשענעל פארעסט', 'לאסען נעשענעל פארעסט', און 'לאסען וואלקאניק נעשענעל פארק'. ביז היינט האט דער פייער געברענט אן אפגעשאצטע 735,000 עיקערס אין פיר קאונטיס און איז איצט ארום 45 פראצענט איינגעהאלטן. דער דיקסי פייער איז דער צווייט-גרעסטער ווילדפייער אין קאליפארניע היסטאריע, צווייט

נאר צו דער אויגוסט קאמפלעקס פייער, וועלכס ברענט מער ווי א מיליאן עיקערס פאראיאר.

**DEC קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "צי טוען DEC פייערלעשער אויפזען א מאנשאפט הינטער די סצענעס, אויפשטעלן א קאמענד ארגאניזאציע, אדער ארבעטן אויף דער פייער ליניע, די ניו יארקערס זענען צווישן די בעסטע ווילדלענד פייערלעשער אין דער קאנטרי. זייער געטריישאפט און ווילן צו העלפן נויט-באדערפטיגע טוט קיינמאל נישט פארפעלן ארויסצוברענגען מיין התפעלות. דער DEC עקספערט ווילדלענד פייערלעשער שטייען גרייט וואו אימער מען וועט זיי דארפן האבן, און איך דאנק זיי פאר זייער סערוויס."

דער לעצטער מאנשאפט פון ניו יארק סטעיט פייערלעשער אויפ׳ן וועג צו גרינוואוד וועלן ארויסגעשיקט ווערן פאר צוויי וואכן צו דער פייער ליניע. דער מאנשאפט באשטייט פון DEC דיוויזיעס פון וואלד אפהיטונג, לאנד און וועלדער, פיש און אנדערע בעלי חי, אפעראציעס, און ענווייראנמענטאלע פארריכטונג שטאב. דער גרינוואוד פייער האט זיך אנגעהויבן אום אויגוסט 15, נעבן גרינוואוד לעיק און עס גלייבט זיך אז עס איז אונטערגעצונדן געווארן דורך א בליץ. עוואקיאציעס זענען אין קראפט פאר אומגעפער 75 היימען אין דעם געגנט, און ביז היינט האט דער פייער שוין אפגעברענט 22,000 עיקערס.

ווילדלענד פייערס אין מערב סטעיטס טוען נישט נאר צעשוידערן דער מערב ניו יארק ראיאן נאר זיי טוען אויך פארבעסערן ניו יארק לופט קוואליטעט. אום [יולי 20](#) איז דער גאנצער ניו יארק סטעיט געקומען אונטער א ׳לופט קוואליטעט העלט עדווייזארי׳ צוליב די גאר פיצעלע מאטעריאל געברענגט דורך דעם פייער אין קאנאדע און מערב יו-עס. לופט קוואליטעט העלט עדווייזעריס ווערן ארויסגעגעבן ווען מעטעאראלאגיען זאגן פאראויס אז די שטאפלען פאַלוּשען -- צי אָזאָן צי שטויב -- זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס (AQI) מיט א ציפער פון 100. זיין אויסגעשטעלט צו די גאר קליינע מאטעריאל קען ברענגען צו קורץ-טערמיניגע געזונט עפעקטן, ווי צ.ב.ש. טשעפען די אויגן, נאז, און האלז, היסן, ניסן, רונענדיגע נאז, און קורצע אטעם. זיין אויסגעשטעלט צו העכערע שטאפלען גאר קליינע מאטעריאלן קען אויך ערגער מאכן מעדיצינישע צושטאנד ווי צ.ב.ש. אסטמא, און הארץ קראנקהייט. ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן ווייטער ארויסצוגעבן עדווייזעריס יעדעס מאל אומשטענדן פארלאנגען עס.

אין 1979 האט ניו יארק ארויסגעשיקט איר ערשטע פייער-קעמפער מאנשאפט, ארויסצוהעלפן מערב סטעיטס מיט ריזיגע ווילדפייערס. דורכשניטליך זענען איינס אדער צוויי מאנשאפט מיטגלידער געשיקט געווארן לויט ווי עס נויטיגט זיך אויף ארויסצוהעלפן מיט ווילדפייערס יעדעס יאר. אין צוגאב צו העלפן איינהאלטן ווילדפייערס און מינימיזירן שאדנס טוט דער מאנשאפט זיך איינשאפן ווערדפולע ערפארונג וואס קען געניצט ווערן צו באקעמפן ווילדפייערס און פארוואלטען אלע-ריזיקע אינצידענטן אין ניו יארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן